אַז מיר האָבן זיך גענצלעך מיאש געווען אַפילו
9 פונם לעבן; יאָ, מיר אַליין האָבן געהאַט אין זיך
דעם אורטייל פון טויט, כדי מיר זאָלן נישט האָבן
קיין בטחון אויף זיך אַליין, נאָר אויף ג־ט, וועלכער
10 איז מחיה מתים; וועלכער האָט אונדז מציל געווען
פון אַזאַ גרויסן טויט, און וועט מציל זיין; צו וועמען
מיר האָבן געהאָפט, אַז ער וועט נאָך מציל זיין;
11 בשעת איר טוט אויך מיטהעלפן מיט אייער תפילה
פון פאַר אונדז; כדי פאַר דער מתנה, וואָס איז אונדז
געגעבן געוואָרן פון אַ סך פערזאָנען, זאָלן אַ סך
אָפּגעבן אַ שבח פאַר אונדזערטוועגן.
12 וואָרום אָט דאָס דאַזיקע איז אונדזער באַרימונג,
דאָס עדות־זאָגן פון אונדזער געוויסן, אַז אין קדושה
און אין אויפריכטיקייט פאַר ג־ט, נישט אין פלייש־
לעכער חכמה נאָר אין גאָטס חסד, האָבן מיר גע־
וואַנדלט אין דער וועלט, און דער עיקר ביי אייך.
13 וואָרום מיר שרייבן אייך נישט עפּעס אַנדערש,
נאָר ווי איר לייענט אָדער פאַרשטייט, און איך בין
בטוח, אַז איר וועט עס פאַרשטיין ביז צום סוף;
14 אַזוי ווי איר האָט אונדז שוין טיילווייז פאַרשטאַנען,
אַז מיר זענען אייער רום, ווי איר זענט אויך
אונדזער (רום) אין דעם טאָג פון אונדזער האַר ישוע.
15 און אין דעם דאָזיקן בטחון האָב איך צום ערשט
געוואָלט קומען צו אייך, כדי איר זאָלט האָבן אַ
16 צווייפאַכן חסד, און דורך אייך צו גיין קיין מאַצע־
דאָניען, און ווידער פון מאַצעדאָניען צו קומען צו
אייך, און פון אייך באַגלייט צו ווערן צו דעם (לאַנד)
17 יהודה. און וועלנדיק דאָס דאָזיקע, האָב איך דען
אַרויסגעוויזן לייכטזיניקייט? אָדער די זאַכן, וועלכע
איך פּלאַן, צי פּלאַן איך דען לויטן פלייש, כדי עס
זאָל זיין ביי מיר (אין דער זעלביקער צייט) דאָס